**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/15/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## **גאווערנער האקול אנאנסירט עפענונג פון** אפריקאנע-אמעריקאנע צענטער פאר קולטורישע אנטוויקלונג אין אָוליען

***פראיעקט האט באקומען 'שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו' געלטער צו פרעזערווירן די ראיאנישע היסטאריע און קולטור פון אפריקאנער-אמעריקאנער***

***בילד פון פארענדיגטער פראיעקט איז פאראפנטליכט [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פייערליכע עפענונג פון די אפריקאנע-אמעריקאנע צענטער פאר קולטורישע אנטוויקלונג (African American Center for Cultural Development) אין אָוליען. די רענאוואציע פון א היסטארישע הויז אויף 214 North Barry Street האט צוגעשטעלט א פערמאנענטע היים פאר די וואוילטעטיגע ארגאניזאציע אלס טייל פון די סטעיט'ס שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו. די ארגאניזאציע'ס מיסיע איז צו גיבן שעצע, ארויסהייבן און אריינברענגען די רייכע און פארשידנארטיגע טונקל-הויטיגע היסטאריע און קולטור פון מערב ניו יארק און סאוטערן טיער ראיאן פון ניו יארק סטעיט דורכן פייערן די טאלאנטן, לעבנס און היסטאריע פון די אפריקאנער-אמעריקאנער מענטשן אין דעם ראיאן.

"די פארענדיגונג פון די צענטער לייגט צו נאך א וויכטיגע אינסטיטוציע צו אונזער ליסטע פון לאקאציעס וואו לערנען אויס, פרעזערווירן און פייערן טונקל-הויטיגע היסטאריע אין ניו יארק", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "א דאנק די סטעיט'ס שטיצע, טוט די אפריקאנע-אמעריקאנע צענטער פאר קולטורישע אנטוויקלונג עפענען אירע טירן אין אָוליען אונטער די שטארקע פירערשאפט פון דעלא מוּר, און עס וועט העלפן מיטטיילן די געשיכטעס פון די ביישטייערונגען פון טונקל-הויטיגע ניו יארקער צו דעם ראיאן און צו אונזער סטעיט מיט איינוואוינער און באזיכער פאר יארן אין די צוקונפט."

געגרונדעט אין 2010, דורך קאמיוניטי אקטיוויסטין און פירערין דעלא מוּר — האט די אפריקאנע-אמעריקאנע צענטער פאר קולטורישע אנטוויקלונג זיך אנטוויקלט פון זיין די געמיינזאמע טרום פון פינף מענטשן צו ארויסהייבן די היסטאריע פון אפריקאנער-אמעריקאנער אין אָוליען און די מערב ניו יארק און סאוטערן טיער ראיאנען. אין 2022, נאך יארן פון זיין קווארטירט אין א צייטווייליגע לאקאציע, האט א לאקאלע ביזנעס בייגעשטייערט א צוויי-שטאקיגע, 2,850 סקווער-פיסיגע הויז וואס איז געבויט געווארן אין 1891 צו גענוצט ווערן אלס א פערמאנענטע היים פאר די צענטער.

**אפריקאנע-אמעריקאנע צענטער פאר קולטורישע אנטוויקלונג דירעקטארין, דעלא מוּר, האט געזאגט,** "איך בין מער פון באגייסטערט אז גאט האט אונז געפירט אזוי ווייט. א דאנק פאר אלע אונזערע שטיצער פאר אייער שווייס, צייט און געלט. מיר וואלטן נישט געקענט אנקומען צו דעם היינטיגן באגייסטערנדן טאג אן די הילף פון יעדן וואס האט צוגעלייגט א האנט און פארמישט געווארן. די

אפריקאנע-אמעריקאנע צענטער באלאנגט פאר אונז אלע. ביז יעצט האבן מיר געקענט פארטיגן און עפענען די ערשטע שטאק. איך ווייס אז איר וועט אלע זיין שטאלץ. זאל גאט אייך אלע בענטשן."

די אויפרעכטונג פון די געביידע האט אריינגערעכנט דאס צולייגן א נייע HVAC סיסטעם, א נייע עלעוועיטאר, אינסטאלירן א נייע קאמערציעלע קיך און אינסטאלירן א נייע בית הכסא. ענדערונגען צו די געביידע זענען אויך אונטערגענומען געווארן עס צו מאכן צוגענגליך פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס, מיט אלע אויבערפלאכן געפארבט פונדאסניי, נייע שטאקן אינסטאלירט און נייע מוזעאום אויסשטעלונגען געקויפט און אינסטאלירט.

נוצנדיג בילדער, אויסשטעלונגען, ביכער און רעקארדירונגען פון די זכרונות פון מענטשן וואס זענען אויפגעוואקסן אין און ארום די ראיאן — שטרעבט די צענטער צו דערציילן די געשיכטע פון די פארגאנגענהייט, בשעת'ן אויך פרעזערווירן די העריטעדזש פאר צוקונפטיגע דורות. באזיכער וועלן געניסן פון א רייכטום פון קולטור ביי די צענטער מיט אריינגעבויטע קאפאציטעט פאר עטליכע קאמפיוטער סטאנציעס, א סקרין צו אויפשפילן פילמס און א סאַונד סיסטעם צו אקאמאדירן באגעגענישן, פארשטעלונגען, בילדונג פרעזענטאציעס און פארשידענע ארגאניזאציע געשעענישן. די צענטער נעמט אויך אריין א מוזעאום פון אפריקאנע-אמעריקאנע קולטור ביי די נייע לאקאציע.

די סיטי אָוו אָוליען איז אויסגעקליבן געווארן אלס געוואונער אין די 2'טע רונדע פון די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI) אין אויגוסט פון 2017. די אפריקאנע-אמעריקאנע צענטער פראיעקט האט באקומען $225,000 פון די DRI, און אזוי אויך פילע געשאנקען פון שטיצנדע נדבנים.

אין צוגאב צו דעם אפריקאנע-אמעריקאנע צענטער פאר קולטורישע אנטוויקלונג פראיעקט, האט די סיטי אָוו אָוליען באקומען 5.45 מיליאן דאלאר דורך די DRI פאר פינף ציבור'ישע ארבעט פראיעקטן, אריינרעכנענדיג די North Union Street גאס פארבעסערונגען און פאר פארבעסערונגען צו South Union Street, West State Street, East State Street און Oak Hill Park. אנדערע פראיעקטן וועלכע האבן באקומען DRI געלטער רעכענען אריין די Old Library Restaurant & Inn, Four Mile Brewing און די רענאוואציע פון היסטארישע געביידעס אויף 319 און 321 N. Union Street. א שטאט-צענטער אויפלעבונג און איבערבויאונג קאסע איז אויך אויפגעשטעלט צו ערמוטיגן און שטיצן אינוועסטירונג אין שטאט-צענטער פראפערטיס.

די צענטער'ס עפענונג בויט ארויף אויף- און ברייטערט אויס די ארבעט פון די '400 יאר פון אפעריקאנע-אמעריקאנע היסטאריע קאמיסיע' (400 Years of African American History Commission), געעפנט דורך גאווערנער האקול אין 2022 צו פארשטערקערן און פייערן די ברייטע ביישטייערונגען און עררייכונגען פון אפריקאנער-אמעריקאנער און טונקל-הויטיגע ניו יארקער.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָפּ נייט, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו פראיעקטן טוהען ברענגען מער לעבהאפטיגע שטאט-צענטערן אריבער די גאנצע סטעיט. די אפריקאנע-אמעריקאנע צענטער שפילט א וויכטיגע ראלע ביים פרעזערווירן די קולטורישע העריטעדזש פון דעם ראיאן, בשעת'ן אויך צולייגן צו די געבורט פונדאסניי פון אָוליען'ס שטאט-צענטער."

**צייטווייליגער ניו יארק סעקרעטערי אָוו סטעיט, ברענדען סי. הויס, האט געזאגט,** "די עפענונג פון די אפריקאנע-אמעריקאנע צענטער פאר קולטורישע אנטוויקלונג צייכנט אפ נאך א דערגרייכונג אין די סיטי אָוו אָוליען'ס טראנספארמאציע דורך די סטעיט'ס שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו. דער פראיעקט האט צוזאמגעשטעלט צוויי קאמיוניטי בענעפיטן צו איינס, דורכן רענאווירן די עלטסטע געביידע אין

אָוליען'ס שטאַט-צענטער צו עפענען א נייע פלאַץ פאַר איינוואוינער צו פייערן און לערנען איבער דעם ראַיאָן'ס רייכע טונקל-הויטיגע היסטאָריע און קולטור. די סטעיט דעפּאַרטמענט איז פריילך צו האָבן געהאָלפן גיבן די באַדייטנדע קולטורישע אינסטיטוציע א פּערמאַנענטע היים, און מיר קוקן אַרויס צו זעהן די פּאָזיטיווע השפּעה דערפון ווייט אַריין אין די צוקונפט."

**סטעיט סענאַטאָר דזשאָרדזש מ. באָרעלאָו האָט געזאָגט,** "די פייערליכע עפענונג פון די אַפריקאַנע-אַמעריקאַנע צענטער פאַר קולטורישע אַנטוויקלונג איז באמת א סיבה צו פייערן. די מאָמענט איז די ענדגילטיגע תוצאה פון א חזון וואָס איז געאַרבעט געוואָרן צו דערגרייכן מיט א געפיהל און איבערגעגעבנקייט דורך גרונדערין דעלאַ מור, און עס איז די אויסדרוק פון אן אויפקלערונג מיטל וואָס וועט זיכער מאַכן אַז די ביישטייערונגען פון אַפריקאַנער-אַמעריקאַנער אין דעם ראַיאָן זענען באַקאַנט און געפייערט פאַר פילע קומענדיגע דורות. די DRI פינאַנצירונג וואָס האָט דאָס געהאָלפן ערמעגליכן, און אַזוי אויך מערערע פּריוואַטע נדבות, שפּיגלען אָפּ די ברייטע שטיצע און ענטוזיאַסטישקייט וואָס האָבן באַגלייט די אַנטוויקלונג פון דעם פּראָיעקט. מיינע טיפסטע דאַנקען גייען אַרויס צו די שותפים ביי עמפייער סטעיט דעוועלאָפּמענט, די סיטי אָוו אָוליען און די מענטשן און ביזנעסער וועלכע האָבן געמאַכט די ערגרייכונג פאַר א מעגליכקייט. איך קוק אַרויס צו מער הצלחות אין די בעפאַרשטייענדע יאָרן."

**אַסעמבלי מיטגליד דזשאָוסעף מ. דזשיגליאָו האָט געזאָגט,** "היינט איז א וואונדערבאַרער טאָג נישט נאָר פאַר אָוליען נאָר פאַר אונזער גאַנצע סטעיט. די היינטיגע באַנייאונג צערעמאָניע און די פייערליכע עפענונג פון די אַפריקאַנע-אַמעריקאַנע צענטער פאַר קולטורישע אַנטוויקלונג איז די דירעקטע רעזולטאַט פון גלויבונג, געדולדיגקייט און עקשנות פון דעלאַ מור. פאַר מער פון 10 יאָר האָט דעלאַט זיך געשטאַרקט אויף יעדע שטרויכלונג כדי צו זיכער מאַכן אַז די היסטאָריע פון אַפריקאַנער-אַמעריקאַנער אין אונזער ראַיאָן וועט פּרעזערווירט ווערן און מיטגעטיילט ווערן פאַר פילע קומענדיגע דורות. א דאַנק פאַר אַלע וואָלונטירן און נדבנים וועלכע האָבן בייגעשטייערט צו די אַפריקאַנע-אַמעריקאַנע צענטער פאַר קולטורישע אַנטוויקלונג, און א דאַנק פאַר עמפּייער סטעיט דעוועלאָפּמענט פאַרן אָנערקענען די וויכטיגקייט פון דעם פּראָיעקט און פאַרן אינוועסטירן אין אונזער קאַמיוניטי."

**סיטי אָוו אָוליען מעיאָר ווילִיאַם אַיעלאָו האָט געזאָגט,** "די סיטי אָוו אָוליען איז באַגייסטערט אַז די אַפריקאַנע-אַמעריקאַנע צענטער פאַר קולטורישע אַנטוויקלונג האָט א פּערמאַנענטע היים אין אונזער שטאָט-צענטער, און מיר זענען דערפרייט אַז זי האָט באַקומען פינאַנצירונג פון די שטאָט-צענטער אויפלעבונג איניציאַטיוו. די צענטער איז געוואָרן א צענטראַלע פלאַץ אין אונזער קאַמיוניטי, און דעלאַ מור האָט געאַרבעט מידלאַזערהייט צו אַרויסהייבן די רייכע לאָקאַלע און נאַציאָנאַלע היסטאָריע פון אַפריקאַנער-אַמעריקאַנער. איר אָפּטימיסטישקייט און ענטוזיאַסטישקייט – אייגנשאַפטן מיט וועלכע זי שטעקט אָן יעדן וועם זי טרעפט אָן – האָבן געטריבן די טרוים אויף פאָראויס, עס געמאַכט פאַר א מציאות, און אָוליען'ס שטאָט-צענטער דיסטריקט וועט געניסן פון די בענעפיטן פון זיין די היים פון די אייגנאַרטיגע קולטורישע און בילדונג אינסטיטוציע."

**עקזעקיוטיוו דירעקטאָר פון די Cattaraugus Region Community Foundation (CRCF), קריק ווינדוס, האָט געזאָגט**, "ביי די CRCF, האָבן מיר געהאַט די פאַרגעניגן צו שטיצן די אַפריקאַנע-אַמעריקאַנע צענטער פאַר קולטורישע אַנטוויקלונג ביים ברענגען דעם פּראָיעקט צו אויסגעפירט ווערן. עס איז געווען שאַצבאַרע אַרבעט וואָס איז אין איינקלאַנג מיט אונזער מיסיע – צו באַרייכערן לעבנס דורך פילאַנטראָפּיע – אַזוי ווי מיר ווייסן אַז די AACCD וועט באַרייכערן די לעבנס פון די אין אונזער קאַמיוניטי דורכן אַרויסהייבן די הערִיטעדזש און קולטור פון די אַפריקאַנע-אַמעריקאַנע קאַמיוניטי אויף סיי א נאַציאָנאַלע און סיי א לאָקאַלע פאַרנעם. מיר קוקן אַרויס צו זעהן די אַרבעט וואָס די AACCD וועט טוהן צו פייערן געשיכטעס און א היסטאָריע וואָס פאַרדינט זיך צו געפייערט ווערן."

מער אינפארמאציע איבער די אפריקאנע-אמעריקאנע צענטער פאר קולטורישע אנטוויקלונג קען געפונען ווערן דא.

**שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו**
די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו איז אוועקגעשטעלט געווארן אין 2016 צו פארשנעלערן און פארברייטערן די אויפלעבונג פון שטאטישע צענטערן און געגנטער אין אלע צען ראיאנען פון די סטעיט צו דינען אלץ צענטערן פון אקטיוויטעט און טרייב קרעפטן פאר אינוועסטירונג. ווערנדיג אנגעפירט דורך די סטעיט דעפארטמענט מיט הילף פון עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, די היימער און קאמיוניטי רינוּעל און NYSERDA — איז די DRI א פרעצעדענטלאזע און שעפערישע "אומר ועושה" סטראטעגיע וואס פארט צוזאם סטראטעגישע פלאנירונג מיט באלדיגע אויספירונג, און די רעזולטאטן דערפון זענען געדיכטע, פיסגייער-פריינטליכע שטאט צענטערן וואס זענען א הויפט באשטאנדטייל אינעם העלפן ניו יארק סטעיט צוריק אויפבויען איר עקאנאמיע נאך די ווירקונגען פון די קאוויד-19 פאנדעמיע, און אזוי אויך צו ערגרייכן די סטעיט'ס דרייסטע קלימאט ציהלן דורכן שטופן פאר דאס באנוץ מיט פובליק טראנספארטאציע און רעדוצירן דאס זיין געוואנדן אויף פריוואטע קארן.

אין די ערשטע זיבן יאר פון דעם פראגראם האט די סטעיט פארשפראכן 800 מיליאן דאלאר צו אינוועסטירן אין 81 שטאט-צענטערן וועלכע זענען רייף צו אויפגעלעבט ווערן וועלכע האבן די פאטענציאל צו ווערן ווי א מאגנעט צו צוציהען נייע דעוועלאפמענטס, ביזנעס, דזשאבס, מער עקאנאמישע און האוזינג פארשידנארטיגקייט און געלעגנהייטן. מער אינפארמאציע וועגן דער DRI איז צום באקומען דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן